ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי
שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## שופטים

(חלק ב)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# פרשת שופטים

א. מען האָט גערעדט[1] באריכות, אַז אלול איז אַן ענין פון ערי מקלט.

איז פאַראַן אַ הוספה צו דעם:

אויף דעם ענין שופטים ושוטרים שטיין אין ספרי[2] אַז די שופטים ושוטרים[3] זיינען געווען בכל מושבותיכם אויך אין חוץ לארץ. יכול — זאָגט דער ספרי — אַז אויך ערי מקלט זיינען געווען אין חוץ לארץ, תלמוד לומר אלה כו׳, ערי מקלט זיינען געווען נאָר אין ארץ ישראל. פונדעסטוועגן, זאָגט ער אין ספרי[4] אַז אויך אַ רוצח שבחוץ לארץ ערי מקלט קולטות, נאָר די ערי מקלט

1) נדפס לקמן ע׳ 623.

2) געבראַכט אין ספר המצוות להרמב״ם מ״ע קעו. לפנינו בספרי זוטא.

3) ממה שכתוב בספרי ריש פרשת שופטים ובסנהדרין (טז, ב) מנין שמעמידין שופטים לישראל תלמוד לומר כו׳ שוטרים תלמוד לומר כו׳, משמע לכאורה דצריך לימוד מיוחד לשוטרים, ובכל מושבותיכם (מסעי לה, כט) דמיני׳ ילפינן דנוהג גם בחוץ לארץ (מכות ז, א וספרי שם) הרי מדבר רק בשופטים, אבל מדברי ר׳ אלעזר (תנחומא ריש פרשת שופטים) אם אין שוטר אין שופט, משמע דבכ״מ שממנים שופטים מוכרח שיהיו גם שוטרים (ובילקוט שמעוני שם מוכח דאינו חולק על התנא קמא). ועל פי זה מובן בפשיטות: א) קושית הש״ס במכות (שם) אם כן מה תלמוד לומר בכל שעריך, כיון דגם שוטרים נוהגין בחוץ לארץ. ב) הא דאין מונים העמדת שופטים ושוטרים בשני מצוות עשה. וראה תורה תמימה ריש פרשת שופטים. פירוש הרי״פ פערלא לספר המצוות להרס״ג פרשה א בסופה. ג) לשון הרמב״ם בספר המצוות (שם) מנין שממנים בית דין לכל ישראל תלמוד לומר שופטים ושוטרים כו׳ אלה הדינין נוהגין בין בארץ בין בחוץ לארץ. — וראה גם לקו״ש חל״ד ע׳ 103 ואילך.

4) מסעי לה, יג.

אַליין זיינען געווען אין ארץ ישראל דוקא.

פון דעם וואָס דער ספרי שטעלט צו שופטים ושוטרים צו ערי מקלט, אַז אַזוי ווי שופטים ושוטרים זיינען געווען אין חוץ לארץ אַזוי וואָלט מען וועלן מיינען אַז אויך ערי מקלט זיינען געווען אין חוץ לארץ, איז געדרונגען אַז ערי מקלט האָבן אַ שייכות צו שופטים ושוטרים.

דער ענין פון שופטים און אַפילו שוטרים שהיו רודים — איז ניט געווען צוליב מעניש זיין, נאָר די כוונה איז געווען אַז דורך דעם זאָל זיין אַ זיכוך[5]. און אַזוי איז אויך דער ענין פון ערי מקלט, גלות — גלות מכפרת[6]. דער פּי־רוש כפרה איז ווי דער אַלטער רבי טייטשט אין אגרת התשובה[7] כפרה מלשון קנוח, עס ווישט אָפּ און נעמט אַראָפּ דעם חטא, און אויף אַזוי פיל אַז ער ווערט מרוצה ווי קודם החטא, ובמי־לא וואָלט מען וועלן מיינען אַז דאָס איז געווען אויך אין חוץ לארץ, וואָרום ארץ ישראל וואָס איז ארץ סתם[8] איז — כמאמר[9] למה נקרא שמה ארץ שרצתה לעשות רצון קונה, און חוצה לארץ מיינט חוץ פון דעם רצון, האָט מען דאָך אין חוץ לארץ געדאַרפט באַוואָרענען מער ווי אין ארץ ישראל, פונדעסטוועגן זיינען נאָר שופטים ושוטרים געווען אויך אין חוץ לארץ, אָבער ערי מקלט — נאָר אין ארץ ישראל.

ב. אין תשובה זיינען פאַראַן צוויי ענינים[10], חרטה על העבר וקבלה על להבא, און ווען איז דאָס אַ גוטע חרטה, בשעת אַז מכאן ולהבא איז ער מקבל אויף זיך פירן זיך ווי מען דאַרף, וואָרום אויב ניט, איז וואָס איז די פּעולה פון זיין חרטה, עס איז כטובל ושרץ בידו.

דערפאַר זיינען ערי מקלט נאָר אין ארץ ישראל. וואָרום אויב ער זאָל פאַר־בלייבן אין דרויסן פון דעם ארץ שרצתה לעשות רצון קונה איז וואָס איז די פעולה פון זיין חרטה. און דערפאַר זיינען ערי מקלט קולטות אויך אַ רוצח פון חוץ לארץ, אויך אים העלפט גלות, אָבער דער גלות אַליין מוז זיין אין ארץ ישראל דוקא, ונס שמה.

דער ענין פון שופטים ושוטרים, אָבער, איז געווען אויך אין חוץ לארץ, וואָרום וועגן משפט'ן יענעם, שטייט דאָך[11], אַל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו; בית דין שבארץ ישראל קענען ניט וויסן די העלמות

5) וכלשון התנחומא: שוטר שיוציא ממנו כו' משפט צדק ללמדך שצדקה עושין כו' ועם החייב שמוציאין את הגזילה מתחת ידו.

6) מכות יא, ב און תוספות ד"ה מידי.

7) פרק א.

8) זע תענית יו"ד ריש ע"א.

9) בראשית רבה פרשה ה, ח. ילקוט שמעוני בראשית רמז ח.

10) רמב"ם הלכות תשובה פרק ב הלכה ב. אגרת התשובה לרבנו הזקן פרק א. אלא שחרטה על העבר צריך להיות לא רק במחשבה, כי אם גם בדיבור – וידוי דברים (ועיין מצות וידוי ותשובה בספר המצות להצמח צדק. מנחת חינוך מצוה שסד). ובנוגע מכאן ולהבא מצות התשובה היא עזיבת החטא בלבד* (ועל כרחך צריך לפרש כן בלשון הרמב"ם שם ריש פרק א, בשערי תשובה לרבנו יונה אות יט. ועוד) וכדמוכח בחושן משפט סוף סימן לד ובכמה מקומות. וראה גם כן קדושין (מט, ב). וצריך עיון.

11) אבות פרק ב משנה ד.

*) וראה לקו"ש חי"ז ע' 197 ואילך.

והסתרים וואָס זיינען פאַראַן אין חוץ לארץ, ווי אויף יעדער ענין אין מעשה, און אַפילו דבור ומחשבה, דאַרף מען האָבן אַזוי פיל יגיעה, און ס׳זיינען פאַראַן אַ סך נסיונות. אין ארץ ישראל — אַ מצב וואָס עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה[12] — האָט מען גאָר ניט קיין מושג אין דעם, דעריבער האָבן די שופטים ושוטרים געדאַרפט זיין אויך אין חוץ לארץ, אויף משפט׳ן די אידן פון חוץ לארץ.

ווי עס איז באַוואוסט דער סיפור פון מיטעלן רבי׳ן, און פון כ״ק אדמו״ר הצמח צדק[13] אַז אַמאָל אינמיטן יחידות האָט ער מפסיק געווען אויף אַ משך זמן, און נאָכהער געפראַוועט יחידות. בשעת מען האָט אים געפרעגט דעם טעם אויף דעם, האָט ער דערקלערט, אַז בשעת מען קומט אויף יחידות פרעגן אַ תיקון דאַרף מען געפינען בדקות דדקות על כל פנים דעם ענין ביי זיך, און דעמאָלט קען מען ענטפערן. בשעת מען איז געקומען צו אים פרעגן אויף זייער אַ נידעריקן ענין, האָט ער ניט געקאָנט געפינען ביי זיך דעם ענין אַפילו בדקות דדקות, האָט ער מפסיק געווען די יחי־דות.

וואָס דאָס איז אויך דער ענין וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו, בשעת דעם חטא העגל, לך רד כי שחת עמך[14]. משה איז דאַן געווען אויפן הימל למעלה מעלה, לחם לא אכל ומים לא שתה, די אידן זיינען געווען למטה מטה, האָט אים דער אויבער־שטער געזאָגט שחת עמך, זיי זיינען דיין עם — וואָס דורך דעם האָט משה גע־האַט אַ פאַרבונד מיט זיי און געקענט אויף זיי מלמד זכות זיין.

ועל דרך ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין בד קודש, אַז ער וויל ניט אַז דער משפט זאָל זיין דורך שרים, אויף שרים קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, נאָר מען בעט אַז מלפניך (דוקא) משפטי יצא עיניך תחזינה מישרים[15], די שרים פילן ניט וואָס די העלמות והסתרים זיינען, דעריבער דאַרף מען האָבן דעם משפט פון אַ נשמה אין אַ גוף — מלפניך דוקא. דאָס איז אויך דער ענין פון דעם וואָס די שופטים ושוטרים האָבן גע־דאַרפט זיין אין חוץ לארץ דוקא.

ג. הגם ערי מקלט זיינען געווען אין ארץ ישראל דוקא, איז אָבער אין דעם פאַראַן חילוקי מדריגות. עס זיינען גע־ווען ערי מקלט אין עבר הירדן דשכיחי רוצחים[16], אין ארץ ישראל, דלמה נקרא שמה ארץ לפי שרצתה לעשות רצון קונה און אַפילו לעתיד לבוא, ואם יר־חיב הוי׳ אלקיך את גבולך[17], וועלן אויך זיין ערי מקלט.

דאָס הייסט אַז דער ענין פון שפך דם האדם באדם[18], וואָס אויף דעם איז דער ענין פון ערי מקלט, איז פאַראַן אין יעדער מדריגה לויט איר ענין, און אַפילו לעתיד וואָס דע־מאָלט וועט זיין די עבודה, ובמילא

12) דברים יא, יב.

13) זע ספר המאמרים — קונטרסים — עמוד 712.

14) שמות לב, ז.

15) תהלים יז, ב.

16) מכות ט, סע״ב.

17) דברים יט, ח. ירושלמי מכות פרק ב הלכה ו בגמרא. ספרי דאָרט יט.

18) בראשית ט, ו.

אויך דער העדר העבודה, אין אַ הע־כערן אופן לגמרי, איז אויך אין דעם ענין פאַראַן דער שפך דם האדם דק־דושה באדם בליעל[19], און מען דאַרף האָבן אויף דעם ערי מקלט שקולטות.

וואָרום אין יעדער מדריגה איז פאַ־ראַן דער ענין פון העדר והיפוך העבודה כפי ענינה, דאָס הייסט, אַז לפי ערך מעלת מדריגתו איז דאָס אַן ענין פון העדר העבודה, ביז אַז אין דער מדריגה פון ובו תדבקון, איז די עבודה פון אותו תעבודו אַן ענין וואָס מען דאַרף טאָן אויף דעם תשובה[20].

ד. און אַזוי איז אויך דער חשבון הנפש פון חודש אלול, וואָס דאָס איז דער ענין פון ערי מקלט כנ"ל, — אַז ביי איטלעכן איז דאָס לויט זיין אופן. מען דאַרף מאַכן אַ חשבון הנפש פון זיינע אַלע מחשבות, דבורים און מעשים במשך פון אַ גאַנץ יאָר, צי זיינען זיי געווען על פי שולחן ערוך, צי זיינען זיי געווען לפנים משורת הדין, און צי עס איז געווען לפום גמלא[21], און אויב עס איז ניט געווען אַזוי, דאַרף מען האָבן תשובה.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז ניט נאָר בעלי עסקים נאָר אויך יושבי אוהל וואָס אַ גאַנץ יאָר געפינען זיי זיך באהלה של תורה ובאהלה של תפלה, אויך ביי זיי דאַרף זיין אין חודש אלול אַן עיר מקלט, „את בצר במדבר", אין תורה, וואָס אויף איר שטייט וממדבר מתנה, און אַזוי אויך אין תפלה[22].

דאָס איז אויך וואָס מען האָט גע־רעדט פאַר צוויי יאָרן (ח"י אלול) וועגן דעם מנהג פון דער מדינה אַז אין דער צייט פון אלול ותשרי צעפאָרט מען זיך פון די ישיבות אַהיים, אַז דאָס איז היפך התורה און אויך היפך פון שכל אנושי. אָנשטאָט דעם וואָס עס שטייט[23] אַז בחודש אלול האָט מען ממעט געווען בגופי הלכות ובחיבורים און מען האָט זיך עוסק געווען מער בתשובה, פאָרט מען גאָר אַוועק אַהיים.

אין דער צייט פון חודש אלול דאַרף מען זיין אין ישיבה, און עס דאַרף זיין אָפּגעלייגט אַז יעבור עלי מה און די עטלעכע וואָכן אינעם חודש פון „בקשו פני" זאָל איך זיין כדבעי.

ה. דאָס איז אויך אַן הוראה צו בעלי עסקים, אַז הגם אַ גאַנץ יאָר ליגט ער בעסקיו, אָבער אין דער צייט פון חודש אלול, אָדער לכל הפחות פון ח"י אלול וואָס דעמאָלט הויבט זיך אָן דער חשבון יום לחודש[24], אָדער בימי הסליחות על כל פנים, זאָל ער אַנטלויפן אין ערי מקלט (וואָס זיינען געווען אויך אין עבר הירדן שמחוץ לארץ ישראל), אין אַן אָרט פון יראת שמים, אין אַ ישיבה והדומה. און שם תהא דירתו.

עס דאַרף זיין דער ונס שמה, ונס

19) לקוטי תורה במדבר יג, יג.

20) זע ד"ה אחרי ה"א תלכו וביאורו (בסופם — בסידור, בספר המצות להצמח צדק) בלקוטי תורה.

21) כתובות סז, א. קד, א. סוטה יג, ב.

22) עיין לקוטי תורה ביאור לד"ה וידבר גו' במדבר סיני. לעיל בענין ובו תדבקון.

23) אלף למטה במטה אפרים סתקפ"א סקט"ו.

24) זע קונטרס ח"י אלול תש"ג עמוד 42 (סה"ש תש"ג ע' 177).

מיינט אַנטלויפן[25]. אַנטלויפן פון אַלע ענינים וואָס מען איז אין זיי אַ גאַנץ יאָר, אין ערי מקלט, און שם תהא דירתו, דאָרטן באַזעצן זיך, און בסגנון פון זוהר[26] קבורתי' דילי' (דמשה) משנה — זאָל זיין שם תהא קבורתו[27].

דער ענין פון קבורתו איז ווי עס שטייט[28] בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם, בשעת ער איז אַ בן מאה, און האָט דורכגעטאָן אַלע ענינים אין אַלע פרטי כחות הנפש, (יוד הכלולים מיוד) דעמאָלט איז עבר ובטל מן העולם, ער האָט ניט צוטאָן מיט העלם העולם, ובמילא קאָן ער מאריך ימים ושנים זיין, וואָרום ער האָט ניט פאַרוואָס צו מורא האָבן.

וואָס דאָס מיינט קבורתו — דער פירוד פון די ד' יסודות און יעדער קומט צו ומתחבר לשרשו, עפר אתה ואל עפר תשוב, דער ביטול פון ארץ, וואָס דערפון קומט דאַן דער בנין המלכות שבראש השנה.

דורך דער עבודה פון חשבון הנפש אין חודש אלול, ביז דעם ונס שמה, איז אַ הכנה צו דער כתיבה וחתימה טובה דראש השנה לשנה טובה ומתוקה בבני חיי ומזוני רויחי.

(משיחות ש"פ ראה, מבה"ח אלול, תשי"ד)

25) על דרך כי ברח העם (זע תניא פרק לא).
26) חלק א כז, סע"ב. און זע ביאורי הזהר דאָרט.
27) מכות יא, ב.
28) אבות פרק ה משנה כב.